A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אומאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4296 TORONTO WEDNESDAY SEPTEMBER 24 1924 כה אלול פרשה נצבים, תרפ"ד. טאראנטא, מיטוואך דער 24־טער סעפטעמבער, 1924. PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

באריכט אז אויפשטאנד אין גרוזיניע איז אונטערדריקט

קליינע שלאכט האלט נאך אן אבער אויפשטאנד איז געבראכען. — באריכטען וועגען מאסען הינריכטונגען.

טרע ביזאנד, סעפטעמבער 23.

דער אויפשטאנד אין גרוזיניע געגען דער סאוויעט־מאכט איז ענדגילטיג געבראכען געווארען. די רעבעלען זענען אנטלאפען אין די בערג און בלויז ארום פינף טויזענט פון זיי וועלכע געפינען זיך אין דער שטאדט פאטי, ביים שווארצען ים, ציינען נאך ארויס א ווידערשטאנד.

פרישע אפטיילונגען פון דער רויטער ארמיי קומען אן אין באטום יעדען טאג. מען רעכענט, אז די סאוויעט־ארמיי צעהלט שוין ארום זעכציג טויזענט מאן.

עס ווערט באריכטעט, אז אין טיפליס זענען הינגעריכטעט געווארען צוועלף הונדערט קאנטער־רעוואלוציאנערען און אין גאנץ גרוזיניע ארום פינף טויזענט.

קליינע אנטי־סאוויעט אויפשטאנדען זאלען האבען פארגעקומען אין ארמעניע, דאגעסטאן און אזערבאדזשאן, אבער זיי זענען שנעל ליקווידירט געווארען.

יונגער אידישער פיאניסט מאכט א רושם אין בערלין

בערלין, סעפטעמבער 23, (איטא).

אין דער היגער מוזיקאלישער וועלט טומעלט זיך מיט די פיאנא קאנצערטען פון עדמאנד וויכנין, וועלכע האבען געמאכט א גרויסען רושם.

וויכנין איז א זוהן פון א אידישען שרייבער, דער סיטי עדיטאר פון דער פילאדעלפיער „אידישע וועלט".

פראמינענטע בירגער פון האמילטאן פארמישט אין דעם שטייער־סקאנדאל

האמילטאן סעפטעמבער 23.

וואס מעהר די אודיטארס גריבלען זיך אין די ביכער פון דער שטאדטישער אדמיניסטראציע, אלץ גרעסער ווערט דער סקאנדאל אין פארבינדונג מיט די שטייער־צאהלונגען. עס ציינט זיך ארויס, אז חשוב'ע און אנגעזעהענע בירגער פון שטאדט זענען פארמישט אין דעם סקאנדאל. די דאזיגע בירגער האבען זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט צו טיילען זיך העלפט אויף העלפט פון זייערע שטייערען מיט די שווינדלערישע קלוירקס פון דעפארטמענט.

עס הערט זיך, אז אזוי שנעל ווי די אונטערזוכונג וועט פארענדיגט ווערען וועלען פיעלע פערזאנען ארעסטירט ווערען, אנגעקלאגט אין קאנספיראציע און גנבה.

גלח'ס געליבטע איז זיך מודה אין פארגיפטען איהר מאן

דער גלח האט איהר אנגערעדט צו אפראמען דעם מאן פון וועג זי זאל קאנען חתונה האבען מיט איהם. — זאגט אויך אז דער גלח האט פארגיפטעט זיין פרוי. — האט עטליכע מאל איינגעגעבען גיפט אין עסענווארג ביז דער מאן איז געשטארבען.

מאונט ווערנאן, איללינאי, סעפ. 23.

מרס. עלזי סוויטין האט זיך היינט מודה געווען, אז זי האט פארגיפטעט איהר מאן אויף דעם פארלאנג פון איהר געליבטען, דער גלח לארענס הייט אין אויך אז זי האט געוואוסט דאס דער גלח האט פארגיפטעט זיין פרוי, כדי זיי זאלען קאנען אומגעשטערט פיהרען א ליבע און חתונה האבען.

מרס. סוויטין'ס וידוי איז א שרעקליכער דאקומענט. די פרוי דערצעהלט ווי זי האט אויף א קאלטבלוטיגען אופן פארגיפטעט איהר מאן. ניט מיט איינמאל האט זי איהם פארגיפטעט נאר ביסלעכווייז, אין לויף פון צוויי וואכען. איינמאל האט זי איהם געגעבען פארגיפטעטע קענדי אבער דאס האט ניט געפיהרט צום ציעל. א פאר טעג שפעטער האט זי אריינגעגעבען גיפט אין זיין אויטמיל און לסוף האט זי אריינגעגעבען א גרויסע דאזע גיפט אין זיין טאמיטא־זופ און דאס האט ענדליך געווירקט.

די פרוי ערקלעהרט, אז דער גאנצער פלאן איז באשאפען געווארען פון דעם גלח, וועלכער האט איהר געבראכט די גיפט און האט געזאגט, אז ער וועט טאן דאס איינענע מיט זיין פרוי.

מרס. סוויטין'ס וידוי ענדיגט זיך מיט די פאלגענדע ווערטער:

„ביז איך האב זיך פארליבט אין מר. הייט האב איך געפיהרט אן ארענטליכען לעבען און בין שטענדיג געווען א געטרייע פרוי און מוטער, און דאס איז אמת, זאל מיך אזוי גאט העלפען".

דער גלח און זיין געליבטע זענען היינט צוגענומען געווארען פון קאונטי דזשייל און זענען איבערגעפיהרט געווארען ערגעץ אנדערש, ווייל די איינוואוינער פון שטעדטעל זענען העכסט אויפגעבראכט געגען זיי און מען רעדט וועגען לינטשען זיי.

איינוואוינער פון דער איסט גרינדען אן אייגענע קהלה

די איינוואוינער פון דער איסט און אומגעגענט, האבען הפנים זיך מתקנא געווען אין די אידען פון סענטער טאראנטא און געגרינדעט אן אייגענע קהלה, פונקט ווי זיי האבען אן אייגענע שוהל, און גרייטען זיך צו גרינדען אן אייגענע תלמוד תורה און אן אייגענע מקוה.

דער פארלאנג צו גרינדען א באזונדערע קהלה איז געקומען דערפאר, ווייל די עקזיסטירענדע קהלה האט זיך ענטזאגט צו אנערקענען הרב ריזענמאן, וועלכער איז דער רב פון די איסט־ענדער אידען.

לעצטען זונטאג זענען די דארטיגע איינוואוינער זיך צוזאמענגעקומען אין בערקלי סטריט שוהל און געהאלטען שטארק פראטעסטירענדע רעדעס געגען די בעאמטע פון דער קהלה, וועלכע ווילען זיי ניט אנערקענען און האבען גלייך ביי דער פארזאמלונג געגרינדעט א קהלה, ערוועהלט בעאמטע, און האבען באשלאסען צו שאפען א קהלה פאנד פון דריי טויזענט דאללאר.

די ניי־געגרינדעטע קהלה, האט גלייך באקומען א נאמען „קהלות הכשרות בני ישראל איסט 'ענד'" און די בעאמטע זענען:

מר. ליטאוויץ, פרעזידענט.
מ. גלאס, וויצע פרעזידענט.
מר. רומאק, טרעזשורער.

אלס עקזעקוטיוו מיטגלידער זענען ערוועהלט געווארען מר. מילקין, מר. ענדערסאן, מר. זעלדין, מר. גאלדבערג, מר. שראייזען, מר. בערגמאן, און מר. נעלמאן.

א געוויסע סומע פאר'ן קהלה פאנד איז גלייך געשאפען געווארען צווישען די אנוועזענדע, און דאס איבעריגע וועט געשאפען ווערען אין די ימים נוראים טעג.

לשנה טובה תכתבו

באגריסט אייערע פריינד און באקאנטע מיט א געזונט און געבענשט יאהר דורך דעם

ראש השנה נומער "אידישער זשורנאל"

עס איז אן אלטער מנהג אז אלע סאסייטיס, לאדזשעס, שוהלען און אלע אנדערע ארגאניזאציעס באגריסען זייערע אפיסערס און אלע מיטגלידער דורך דעם

ראש השנה נומער „אידישער זשורנאל"

פארפעהלט נישט אויך דאס יאהר. קומט אדער רופט וואס פריהער

עדלייד 3967

אונזער ראש השנה נומער אין א פארגרעסערטער אויסגאבע וועט ערשיינען קומענדען שבת נאכט.

שחט ניט אנגעקלאגט אין דע־האן מארד, זאגט בעאמטער

ירושלים, סעפטעמבער 23, (איטא).

א רעגירונגס־באמטער האט ערקלעהרט, אז פרוי שחט איז ניט אנגעקלאגט אין דעם דע־האן מארד און אז די אויספארשונג וועגען איהר וועט פארענדיגט ווערען אין א טאג־צוויי.

די ארכיוועס פון חובבי ציון קאמיטעט ביז דעם יאהר 1911 זענען געבראכט געווארען פון אדעס און זענען איבערגעגעבען געווארען צו דער נאציאנאלער ביבליאטעק.

פרינץ וועט זיין צוויי טעג אין טאראנטא

אטאווא, סעפטעמבער, 23.

דער פרינץ אוו וויילס וועט זיין אין טאראנטא דעם פערצענטען און פופצענטען אקטאבער. פון דארטען וועט ער קומען קיין אטאווא וואו ער וועט פארווייל'ען דריי טעג און וועט אפפאהרען קיין מאנטרעאל. דאס איז נעכטען אפיציעל באקאנט געמאכט געווארען.

אין שטאדט מאכט מען שוין גרויסע הכנות צום ערווארטעטען וויזיט פון שמייכלענדען פרינץ.

זאגלול פאשא קומט ווידער פארפערירען מיט מעקדאנאלד'ן

לאנדאן, סעפטעמבער, 23.

זאגלול פאשא, פרעמיער פון עגיפטען, איז היינט אנגעקומען אהער צו פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט פרעמיער מעקדאנאלד וועגען דער לאגע אין עגיפטען און ספעציעל וועגען סודאן, וואו עס זענען לעצטענס פארגעקומען אומרוהען געגען דער ענגלישער מאכט.

אידישער פרעזידענט פון דייטשער באנק ארעסטירט

וויימאר, דייטשלאנד, סעפטעמבער, 23.

לאעב, פרעזידענט פון שטאאטס־באנק אין טורינגען, איז ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע, אז ער האט צוגענומען געוויסע שטאאטס־דאקומענטען.

די דייטשע אנטיסעמיטען האבען זינט א לענגערער צייט אנגעפיהרט א גרויסען העצע־קאמפיין געגען לאעב'ן.

דייטשער קאבינעט באשליסט פאר אריינטריט אין „בונד"

הענדערסאן מאכט קלאר אז ענגלישער פלאט איז ניט צום דינסט פון פעלקער־בונד. — איז צוגונסטען עקאנאמישע צוואנגס־מיטלען.

בערלין, סעפטעמבער 23.

דער מיניסטערען־קאבינעט האט היינט באשלאסען צוגונסטען אנשלוס אן פעלקער־בונד ביי דער ערשטער מעגליכקייט.

דער קאבינעט האט אבער באשלאסען פריהער אנצופרעגען ביים ראט פון פעלקער־בונד וועגען דייטשלאנד'ס סטאטוס אין פעלקער־בונד.

זשענעווא, סעפטעמבער 23.

ארטור הענדערסאן, דער ענגלישער ארבייטער אינערמיניסטער, האט נעכטען אדרעסירט די אנטוואפענונגס־קאמיטע פון פעלקער־בונד וועגען ענגלאנד'ס שטעלונג צו דעם געפלאנעוועטען ארביטרייטאן־אבמאך. ער האט ערקלעהרט, אז ענגלאנד נעהמט אן געצוואונגענע ארביטריישאן און האט באזונדערס באטאנט, אז עס קאן קיין רייד ניט זיין וועגען שטעלען דעם ענגלישען פלאט צום דינסט פון פעלקער־בונד, צו צווינגען מדינות אונטערווארפען זיך ארביטריישאן. ענגלאנד איז דערפאר, אז אגרעסארען זאלען בענוצט ווערען עקאנאמישע צוואנגס־מיטלען און שפעטער, ווען זיי וועלען ניט העלפען, זאלען בענוצט ווערען מיליטערישע מיטלען.

הענדערסאן האט גאנץ קלאהר געמאכט, אז דער ענגלישער פלאט וועט מעגליך קאנען בענוצט ווערען פאר אזעלכע צוועקען, אבער נאר דאן ווען ענגלאנד אליין וועט עס באשטימען צו טאן.

פרייטאג דער אורטייל וועגען אקאונטענט פון האום באנק

ריכטער קאטסוואורט האט ערקלעהרט, אז ער וועט פרייטאג ארויסטראגען דעם אורטייל וועגען אשעו סמיטה, אקאונטענט פון האום באנק.

דער פראצעס איז פארענדיגט געווארען נעכטען ארום דריי א זייגער נאכמיטאג. לאייער שייווער האט דאן געענדיגט זיין־רעדע וואס האט געדויערט 6 שטונדען מיט פינף מינוטען. זיינע ארגומענטען זענען געווען, אז די קיים וועגען דעם אקאונטענט איז וועזענטליך אנדערש ווי דאס איז דער פאל מיט די דירעקטארען פון האום באנק, ווייל ער, סמיטה, איז געווען בלויז אן אנגעשטעלטער און האט דורכגעפיהרט דאס וואס די באלעבאטים האבען איהם געהייסען.

אידישער יונגערמאן א קרבן פון „ענטהרעקס", א קראנקהייט ביי חיות

דזשעק סעמיועלס, פון 7 בעלוויו פלייס, ליגט איצט אין וועסטערן האספיטאל, געפעהרליך קראנק אויף „ענטהרעקס" (קארבונקעל אין אידיש), א קראנקהייט וואס טרעפט ביי חיות אבער זעלטען ביי מענשען. דיזע קראנקהייט איז געוועהנליך לעבענס־געפעהרליך, אבער דאך האפט מען, אז דער יונגערמאן וועט בלייבען לעבען.

מען גלויבט, אז געקומען איז די קראנקהייט פון א שייווינג בראש. באלד ווי דער יונגערמאן האט זיך אנגעוויישט מיט דער נייער שייווינג בראש איז זיין פנים געשוואלען געווארען און דאקטאר טשארלס מארקאוויטש האט געמאכט דעם דיאגנאז, אז דאס איז „ענטהרעקס".

מר. סעמיועל איז דער צווייטער קרבן פון דיזער קראנקהייט אין לויף פון א יאהר צייט.

אינדיאנער אין בריטיש קאלאמביא האבען ערמארדעט א „מכשף"

וואנקאווער, סעפטעמבער 23.

גלויבענדיג, אז ער רופט ארויס שלעכטע גייסטער און ברענגט גרויסע צרות אויפ'ן שבט, האבען אינדיאנער אין ווייטען צפון פון בריטיש קאלאמביא ערמארדעט א מיטגליד פון זייער שבט מיט'ן נאמען אמאל.

די געשיכטע איז פארגעקומען ארום סוף לעצטען יאהר און איז ערשט איצט באקאנט געווארען דורך א פאטרול פון דער קאנאדער רייטענדער פאליציי, וואס איז אנגעקומען אין דער שטעדטעל טעלעגראף קריק מיט אן אינדיאנישע פרוי, וועלכע איז אנגעקלאגט אין באגעהן דעם מארד.

דער אומגליקליכער „מכשף" איז צוגעבונדען געווארען צו א סלופ מיט'ן קאפ אראפ און ווען ער האט שוין געהאלטען ביים גוסס'ען האט איהם די פרוי אפגעשניטען דעם קאפ.

ווילען קעמאל פאשא פאר קאליף

ירושלים, סעפטעמבער 23, (איטא).

די מאכמעדאנישע דעלעגאציע פון אינדיע פאהרט קיין קאהירא צו איינלאדען מוסטאפא קעמאל פאשא, פרעזידענט פון טערקיי; אז ער זאל ווערען קאליף.

יעווסעקציע פיהרט אן אנטי־רעליגיעזע קאמפיין

ריגא, סעפטעמבער 23, (איטא).

די אידישע סעקציע פון דער קאמוניסטישער פארטיי האט ארגאניזירט אן אנטי־רעליגיעזע קאמפיין אין פארבינדונג מיט די קומענדע ימים נוראים.

רעגירונג נעהמט אויף „טשעלענדזש" פון ליבעראלען וועגען סאוועט־טריטי

לאנדאן, סעפטעמבער, 23.

דער מיניסטערען־קאבינעט האט נעכטען אפגעהאלטען צוויי לאנגע זיצונגען און האט באשלאסען, אז עס איז אונמעגליך צו אמענדירען די טריטי מיט סאוויעט־רוסלאנד. די רעגירונג האט, אלזא, אויפגענומען דעם „טשאלענדזש" פון די ליבעראלען, וועלכע האבען זיך ארויסגעזאגט געגען דער טריטי. דאס מיינט, אז מען דארף ערווארטען אלגעמיינע וואהלען אין הערבסט.

די לייבאר־מיניסטערען זענען ניט ענטוזיאסטיש פאר אלגעמיינע וואהלען מיט דער פראגע וועגען רוסלאנד אלס הויפט אישו און האבען איינגעשטימט, אז אויב מעגליך זאל מען זוכען א קאמפראמיס מיט די ליבעראלען, אבער עס איז קלאהר, אז די שאנסען אויף אזא קאמפראמיס זענען זעהר שוואכע.

ווינסטאן טשוירטשהיל איז צוריק מיט די קאנסערוואטיווען

ווינסטאן טשוירטשהיל האט זיך איבערגעגעבען מיט דער קאנסערוואטיווער פארטיי. ער וועט ארויסגעשטעלט ווערען אלס זייער קאנדידאט אין וועסט עסעקס וואהל־קרייז.

בייערישער פרעמיער אטאקירט לודענדארף'ן און היטלער'ן

בערלין, סעפטעמבער 23, (איטא).

בייערען וועט זיך באגעהן אהן לודענדארף'ן, האט היינט ערקלעהרט דער בייערישער פרעמיער, העלד, אין א שארפער רעדע געגען דעם דייטשען קריגס־לארד און מאנארכיסט. אויב בייערען דארף האבען א דיקטאטאר וועט זי אויסקלייבען א בייערישען און ניט קיין פרייסישען גענעראל, האט דער פרעמיער צוגעגעבען.

לודענדארף און אדאלף היטלער זענען די שונאים פון בייערען, האט דער פרעמיער פארטגעזעצט ערקלעהרענדיג, אז היטלער וועט ארויסגעשיקט ווערען פון בייערען, אזוי שנעל ווי ער וועט ארויס פון תפיסה.

באריהמטער אידישער מאטעמאטיקער געשטארבען

בערלין, סעפטעמבער 23, (איטא).

סאלאמאן קאלישער, א באריהמטער מאטעמאטיקער, איז דא געשטארבען אין עלטער פון 79 יאהר.

דער פארשטארבענער איז געווען פרעזידענט פון די אידישע קהלות אין דייטשלאנד. ער איז געווען א קרוב פון דעם רב הירש קאלישער.

איז געגען „בארענדע שעהנהייטען" אויף אויטאמאבילען

לעצטענס קאן מען זעהן אויף די פענסטערלאך פון די היגע אויטאמאבילען ארויסגעקלעפט קאלירטע בילדלאך פון א מיידעל אין א ביידינג סוט. דאס איז עפעס א נייע משוגעת געווארען און אונזער טשיעף אף פאליס וויל עס שטארק ניט לײדען. ער מיינט אז די אויטאמאביל־פיהרער פארקוקען זיך אויף דעם בילדעל און זעהען ניט גוט דעם וועג, און ער זוכט עפעס א מיטעל געגען דעם.

אמעריקאנער לופטפליהער פארענדיגען רייזע ארום דער וועלט

סאן דיעגא, קאליפארניע, סעפט. 23.

די לופטפליהער פון דער אמעריקאנער ארמיי, וואס האבען געמאכט א רייזע ארום דער וועלט, זענען נעכטען אנגעקומען אין ראקוועל פיעלד, סאן דיעגא, פון וואנען זיי זענען, אין חודש מערץ, אפגעפלויגען אויף זייער רייזע.

שניידט זיך איבער אן אדער און פארבלוטיגט צום טויט

ניילאר ראדזשערס, 66 יאהר אלט, פון 307 מיוטשועל סטריט, איז מאנטאג געפונען געווארען טויט אין זיין צימער. דער מאן האט זיך איבערגעשניטען אן אדער און האט פארבלוטיגט צום טויט. ער האט איבערגעלאזען א צעטעל, אז מען זאל זיין קערפער פארברענען.

פרוי שווער פארוואונדעט פאלענדיג פון באלקאן

מרס. עני קארלעס פון 56 דאווערקאורט ראוד איז נעכטען ארונטערגעפאלען פון באלקאן אין איהר וואוינונג און זי האט געקראגען שווערע וואונדען.

אנטיסעמיט זאגט אידען האבען איהם פארגיפטעט

בערלין, סעפטעמבער 23, (איטא).

ארטור דינטער, דער באוואוסטער אנטיסעמיטישער שרייבער, ליגט איצט קראנק און ער באהויפטעט, אז ער איז קראנק געווארען דערפון וואס אידען האבען איהם אריינגעלעגט גיפט אין דעם ביר וואס ער האט געטרונקען.

די מעשה איז אויפגעכאפט געווארען פון אן אנטיסעמיטישער צייטונג אין נירענבערג, וועלכע איז ארויס מיט א שרייענדיגען קאפ: „אידען האבען פארגיפטעט דינטער'ן".

די פאליציי האט קאנפיסקירט די צייטונג.

פוילען וויל צופרידענשטעלען אלע מינאריטעטען, זאגט אויסערן־מיניסטער

זשענעווא, סעפטעמבער 23, (איטא).

ביים פעלקער־בונד איז רעגיסטרירט געווארען אן אבמאך צווישען פוילען און דייטשלאנד וועגען דער דייטשער מינאריטעט אין פוילען. ביי דער געלעגענהייט האט דער פוילישער אויסערן־מיניסטער, סקרזשינסקי, געהאלטען א רעדע אין וועלכער ער האט באטאנט די ליבעראלע באציהונג פון דער פוילישער רעגירונג צו אלע מינאריטעטען וואס וואוינען אין פוילען. די רעגירונג זוכט צו לעזען די מינאריטעטען־פראבלעם אויף א גערעכטען און דעמאקראטישען אופן, האט דער מיניסטער פארזיכערט.

לארד פארמור, ענגלאנד'ס פארטרעטער ביים פעלקער־בונד, האט באדאנקט דעם פוילישען מיניסטער פאר דער ליבעראלער שטעלונג פון פוילען.

איד צווישען אמעריקאנער פארטרעטער אויף וויסענשאפטליכען קאנגרעס

וואשינגטאן, סעפטעמבער 23, (איטא).

דר. אלבערט איבערהעם מישעלסאן, פרעזידענט פון דער נאציאנאלער וויסענשאפטס־אקאדעמיע פון שיקאגאר אוניווערזיטעט, איז באשטימט געווארען אלס איינער פון די ניין אמעריקאנער געלעהרטע וואס וועלען רעפרעזענטירען די פאראייניגטע שטאאטען, אויף דעם פאן־אמעריקאנישען וויסענשאפטליכען קאנגרעס, וואס וועט זיך פארזאמלען דעם קומענדען דעצעמבער, אין לימא, פערו.